## פרנס השנה

ברכת ידידות והוקרה,
לידידנו היקר
הרה"ח
ר' **רפאל אהרן קנאפפלער** שיחי'
על אשר נשאו לבו בתשואות חן
לנדבת הגליון
לע"נ אביו
הרה"ח ר' צבי בהרה"ח ר' אברהם יהודה
**תעמוד זכות הרבים**
**לו ולכל משפחתו ויתברכו**
**בכל מילי דמיטב**

ברכת ידידות והוקרה
לידידנו היקר נדיב לב
הבה"ח ר'
**יצחק רוזן** שיחי'
על אשר נדבו לבו להוצאות
הגליון
לזכות חודש אלול
ולרפ"ש משה צבי בן מרים
איסא
תעמוד זכות הרבים לו ולכל
משפחתו ויתברכו בכל מילי
דמיטב

ברכת ידידות והוקרה
לידידנו היקר נדיב לב
הרה"ח ר' **טוביה ליבערמאן**
שליט"א
**מאנסי**
על אשר נדבו לבו להוצאות
הגליון
תעמוד זכות הרבים לו ולכל
משפחתו ויתברכו בכל מילי
דמיטב

ברכת ידידות והוקרה
לידידנו היקר נדיב לב
הרה"ח ר' **בן ציון פרייא** שליט"א
**לאנדאן**
על אשר נדבו לבו להוצאות
הגליון
לרגל שמחת החלאקה לבנו
**דוד צבי שלמה** נ"י
תעמוד זכות הרבים לו ולכל
משפחתו ויתברכו בכל מילי
דמיטב

**לקבלת המאמרים בדוא"ל:nezerisroel@gmail.com**

# קרבה אל נפשי גאלה – טאטע, לייז מיך אויס!
# פרשת ראה תשע"ח

## די מסירת נפש פונעם ארימאן צו זיין א מרכבה צום שכינה הקדושה צו ראטעווען דעם גביר

### אויב עס וועט זיין ביי דיר אן ארימאן

**די** תורה הקדושה רעדט ארום די וואך וועגן מצות צדקה (דברים טו ז-ח) "כִּי יִהְיֶה בְךָ אֶבְיוֹן מֵאַחַד אַחֶיךָ בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ בְּאַרְצְךָ אֲשֶׁר הוי'ה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ לֹא תְאַמֵּץ אֶת לְבָבְךָ וְלֹא תִקְפֹּץ אֶת יָדְךָ מֵאָחִיךָ הָאֶבְיוֹן: כִּי פָתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לוֹ וְהַעֲבֵט תַּעֲבִיטֶנּוּ דֵּי מַחְסֹרוֹ אֲשֶׁר יֶחְסַר לוֹ".

**די** תורה זאגט אן פארן מענטש: אויב עס וועט זיין ביי דיר אן ארימאן, איינע פון דיינע ברידער'ס אין איינע פון די שטעט אין די לאנד וואס דער אייבערשטער דיין גאט האט דיר געגעבן, זאלסטו נישט באפעסטיגן דיין פארמאכט הארץ, און נישט צוריק האלטן דיין האנט, פון דיין ברידער דעם ארימאן. נאר זאלסט עפענען דיין האנט און אים געבן אלעס וואס ס'פעלט אים.

### ביי דיר - וועגן דיר

**עס** איז באקאנט די ווערטער פונעם הייליגן אור החיים אויפ'ן פסוק 'כי יהיה בך אביון', ער וויל ערקלערן דאס איבריגווארט 'בך' - אין דיר. איז ער מסביר, ס'קען זיין אז ס'איז מרמז צו דאס וואס חז"ל זאגן אז די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט געמאכט דער ארימאן זאל נישט האבן קיין געלט, איז צוליב די וואס געבן, ווייל דער אייבערשטער זעט אז זיי האבן נישט קיין זכותים, האט דער אייבערשטער באשאפן א ארימאן, וואס דורך אים וועט מען זיך ראטעווען פון גיהנם דורך די מצוה פון צדקה. דערפאר שטייט 'בך אביון', דאס מיינט אז דער עני איז 'צוליב דיר' באשאפן געווארן ארים, ער איז נישט געווארן ארים צוליב דעם וואס ער האט נישט קיין זכותים, נאר פארקערט צוליב דעם וואס דו האסט נישט. ווייטער אין פסוק שטייט 'מאחד אחיך' - דו זאלסט נישט מיינען אז ווייל ער איז אן ארימאן איז ער וויניגער חשוב, נאר זאלסט וויסן אז ער איז פון די אויסדערוועלטע פון דיינע ברידערס - 'מאחד אחיך - מהמיוחדים שבאחיך', און ארימקייט איז נישט קיין באווייז אז מ'איז וויניגער חשוב.

### פארוואס איז דער ארימאן ארים?

**דיינע** הייליגע רייד זענען געבויעט אויף דעם וואס חז"ל פארציילן אונז (ב"ב י.) אז טורנוסרופוס הרשע האט געפרעגט רבי עקיבא, 'אויב האט ענקער גאט ליב די

ארימלייט, דאן פארוואס טוט ער זיי נישט שפייזן?', האט ער אים געעטנפערט 'כדי מיר זאלן גערעטעוועט ווערן פון גיהנם'. שטעלן זיך שוין אלע מפרשים, ווי אזוי קען זיין אז דער ארימאן זאל אריבערגיין אזעלכע יסורים און פיינונגען, אלעס נאר כדי צו העלפן דעם עושר און אים ראטעווען פון גיהנם, פארוואס עפעס זאל ער ליידן זיין גאנצע לעבן נאר אויף צו פאררעכטן זיין חבר.

## א פארקערטע וועלט

**נאר** עס עפנט זיך דא פאר א מענטש די טיפקייט און קלארקייט אז דעם אייבערשטן'ס וועגן קען מען נישט פארשטיין, אסאך מאל קען אויסקוקן מיט די פליישיגע אויגן איין זאך, און דער אמת איז ממש פונקט פארקערט, עס קען אויסקוקן כאילו דער ארימאן האט געזינדיגט און דערפאר איז ער געווארן באשטראפט און דער גביר איז דער צדיק וואס האט רחמנות אויף אים. אבער באמת- זאגן אונז חז"ל- פונקט פארקערט, דער גביר איז דער וואס האט געזינדיגט און עסווארט אים גאר ביטערע שטראפן אין גיהונים, קומט דער צדיק וואס האט רחמנות אויף אים, און ער איז גרייט צו אראפקומען אויף דעיע וועלט אלס ארימאן, כדי צו קענען העלפן די גביר, מיט דעם וואס ער וועט נעמען פון אים געלט, וועט ער אים ראטעווען פון גיהנם. א פארקערטע וועלט, אזוי שטארק פארקערט פון אונזערע שכל'דיגע קאפ, אבער דאס איז וואס חז"ל זאגן אונז, דאס איז די קלארע אמת.

## ווער טוט פאר ועמען א טובה?

**ענהליך** צו דעם זעט מען אין מדרש (ויק"ר לד ח) 'רבי יהושע זאגט, מער וואס די בעל הבית מאכט מיטן ארימאן, מאכט דער ארימאן מיטן בעל הבית, ווייל מ'זעט דאך אז רות האט געזאגט פאר נעמי "שם האיש אשר עשיתי עמו היום בועז" - די נאמען פונעם מענטש מיט וועם איך האב היינט געטון איז בועז. עס שטייט נישט 'וואס ער האט מיט מיר געטון', נאר 'וואס איך האב מיט אים געטון', רות האט פארציילט פאר נעמי, איך האב היינט געטון גאר גרויסע טובות פאר בועז, מיט די איין שטיקל ברויט וואס ער האט מיר געגעבן'.

## א מרכבה פארן שכינה

**כדי** צו פארשטיין אביסל טיפער וואס חז"ל זאגן אונז דא, וועלן מיר קודם ארייןקלערן אין דעם סוד פון א ארימאן, וואס ס'שטייט אין ספרים הקדושים אז דער שכינה הקדושה אין גלות ווערט אנגערופן 'דלה ועניה', די צורה פון די שכינה אין גלות ווערט ארויסגעברענגט מיט די טיטל פון ארימקייט, קומט אויס אז דער ארימאן טוט רעפרעזענטירן די שכינה הקדושה כביכול, עס ווערט אנגערופן אין די ספרים אז ער איז א 'מרכבה' צו די שכינה הקדושה.

## מסירת נפש פאר כלל ישראל

**אבער** נאך וואס מ׳האט אויבן גערעדט פארשטייט א איד, אז נישט נאר די ארימאן איז א מרכבה צום שכינה הקדושה, צו מיט שפירן איר לייד, נאר אסאך מער פון דעם, זיין גאנצע לעבן איז א שטיק מסירת נפש פאר כלל ישראל, וואס ער האט יסורים טאג און נאכט, פיינפולע מיטמאכענישן וואס א ארימאן גייט אריבער, אלעס נאר צו ארויסצונעמן פון גיהנם זיין ברידער דעם גביר וואס גרויסט זיך אויף אים. ווי גרויס איז דער חלק פונעם ארימאן וואס ווערט ממש א חלק פונעם מרכבה עליונה, צו שפירן אויף זיין אייגענע פלייש און ביין די שמערצליכע דערנידערונג פון ארימקייט, אלעס מיט מסירת נפש פאר כלל ישראל.

**די** צובראכענע הארץ געשריי פונעם ארימאן גייט ארויף ביזן הימל, ווען ער שטייט אינעם פלאץ פונעם נסיון און פרעגט פארביטערט, ׳וואס עפעס דארף איך דורך גיין אזעלכע יסורים און ביזיונות, וואס זענען מיינע קינדער שולדיג אז איך האב זיי נישט צו געבן וואס צו עסן און וואס צו אנטון׳. און נאך באקאנט די ווערטער פון אור החיים הקדוש אין פרשת ואתחנן אז ווען א מענטש גייט שווער אין בני חיי אדער מזוני, טוט עס אים דערוואטערן זיין הארץ פון ליב האבן די אייבערשטער, און אפי׳ אויב וועט ער זיך פראבירן צו שטארקן, וועט אים די הארץ נישט צוהערן.

**אבער** דא קומען חז״ל און עפענן אויף א נייע הסתכלות, דער מענטש זאל פארשטיין אז ווען ער איז ארים און ער מוטשעט זיך, איז עס נישט פאר זיינע עבירות, נאר פארקערט ער טוט מיט דעם זיין א מרכבה צום שכינה הקדושה, ער איז דער וואס טראגט אויף זיינע פלייצץ די צרות פון כלל ישראל, צוליב אים ווערן מענטש געראטעוועט פון עונשים טאג טעגליך.

## ווער איז חשוב אויבן, וועם איז מען מכבד?

**דאס** איז וואס רב יוסף די זון פון ר׳ יהושע בן לוי האט געזאגט נאכדעם וואס ער האט אוועקגע׳חלש׳ט און זיין נשמה איז ארויף אויבן אין הימעל, ער האט זיך צוריק אויף געוועקט און פארציילט פאר זיין טאטע, ״עולם הפוך ראיתי, עליונים למטה ותחתונים למעלה״ (פסחים נ.), א פארקערטע וועלט האב איך געזען, די וואס זענען חשוב דא אונטן זענען ביליג אויבן, און דעיע וואס זענען ביליג אונטן זענען גאר חשוב אויבן. קען מען זאגן אז דאס גייט ארויף אויף אויפן גביר מיטן ארימאן, דא אונטן טוט מען לויבן און רימען און דאנקען דער גביר דעם רודף צדקה וחסד, וואס האט דערפריידט און דערווארעמט די הערצער פון די ארימעלייט, ער האט זיי געגעבן ברויט און געראטעוועט פון הונגער. אבער דארט אויבן איז פארקערט, דער גביר הייבט אן צו זעען ווי גרויס און חשוב דער ארימאן איז, וואס ער האט אים געראטעוועט פון גיהנם, דער ארימאן זייענדיג א מרכבה צום שכינה הקדושה האט ער זוכה געווען צו אזעלכע השגות אלקות אויף דעיע וועלט וואס מ׳קען נישט שאצן, ער זאל זיך צוזאמ-ליידן זיין גאנצע לעבן, מיט מסירת נפש, פאר א צווייטע איד.

### אינעם פיס טריט פון משה רבינו

**דער** ארימאן גייט אינעם פיס טריט פון משה רבינו, דער צדיק וואס שיינט אריין די כח פון מסירת נפש פאר כלל ישראל, ווען ער האט געזאגט פארן אייבערשטן "ועתה אם תשא חטאתם, ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת" (שמות לב לב), און יעצט אדער ביסטו מוחל פאר די אידן זייערע חטאים, אויב נישט, מעק מיך אויס פון דיין ספר וואס דו האסט געשריבן. דאס איז די עבודה פון צדיקים אין אלע דורות, זיך מוסר נפש זיין און נעמען אויף זיך פיין און לייד אלעס כדי צו ראטעווען נאך א איד און נאך א איד פון גיהונים. און דער ארימאן איז א מרכבה און א חלק צו די נשמות פון צדיקים, זיך מוסר נפש זיין פארן אייבערשטן.

### די נעבעכדיגע רות ראטעוועט דעם גרויסע חשובע עושר בועז

**דאס** איז פשט וואס רות האט געזאגט פאר נעמי, 'איך האב געטון מיט בועז', און חז"ל לערנען פון דעם אז רות האט געטון א טובה פאר בועז, מער ווי בועז האט געטון פאר רות. מיר זעען אין חז"ל אז בועז איז געווען פיר הונדערט יאר אלט, ער האט געהאט 30 זון און 30 טעכטער, און אלע זענען געשטארבן, ווען נישט רות וואלט חתונה געהאט מיט אים יענע נאכט, וואלט גארנישט איבער געבליבן פון אים, און דוד המלך וואלט נישט געבוירן געווארן. קומט אויס אז דאס וואס אלע האבן געמיינט, אז די נעבעכדיגע רות, די ארימע פארשעמטע גיורת, וואס ס'איז נאכנישט קלאר די הלכה צו זי מעג חתונה האבן מיט אידן, אלע זענען געווען זיכער אז בועז מאכט דא די גרעסטע אקט פון רחמנות. איז שפעטער נתברר געווארן אז פונקט פארקערט, די גרעסע רחמנות איז געווען פון רות אויף בועז, אזוי איז געבליבן פון אים עפעס.

### אהין און צוריק

**דאס** איז פשט וואס שטייט אין אלע ספרים אז צדקה גייט אהין און צוריק, אזוי ווי 'ונתנו' וואס מ'קען ליינען אויףביידע וועגן, אויך די ווארט 'צדקה' איז אין א"ת ב"ש די זעלבע ווארט 'צדקה'. דאס איז ווייל מיט די גשמיות'דיגע אויגן זעט מען איין וועג, גוטס פונעם עושר צום ארימאן, אבער באמת איז פארקערט, די וועג אויף צוריק, גוטס פונעם ארימאן צום עושר.

### דער אויסדערוועלטער פון דיינע ברידער'ס

**דאס** איז וואס דער אור החיים הקדוש דריקט אויס, 'כי יהיה בך אביון - בסיבתך', דער ארימאן איז ארים פאר דיינעט וועגן, כדי דיר צו ראטעווען. לייגט אבער דער אוחה"ק צו, 'מאחד אחיך - מהמיוחדים שבאחיך', דו זאלסט נישט מיינען אז דער ארימאן איז ארים צוליב זיינע חטאים, און צוגאב קענסטו זוכה זיין צו די מצוה פון צדקה דורך אים. נאר פארקערט, ער איז דער צדיק וואס איז זיך מוסר נפש פאר דיר, ער איז דער אויסדערוועלטער פון דיינע ברידער.

### א פאסיגע ארימאן

**דאס** איז די עבודה וואס מיר דארפן זיך שטארקן אין דעם טעג, אין חודש אלול, וואס די צירוף פון חודש איז אינעם פסוק (דברים ו כה) ״וצדקה תהיה לנו כי״, מיר זאלן געבן געלט פארן ארימאן וויסנדיג אז דער אייבערשטער האט אים געשיקט דיר צו מזכה זיין.

**עס** שטייט אין חז״ל[1] די גרויסע חשיבות פון געבן צדקה פאר א ׳עני הגון׳ – אן ערליכע ארימאן, נארמאל מיינט עס אז דער ארימאן איז פשוט אן ערליכע איד, אבער מ׳קען זאגן אז ׳עני הגון׳ מיינט אז דער וואס געבט צדקה האט א ריכטיגע הסתכלות, ער פארשטייט אז ׳עני הגון׳ דער ארימאן איז ערליך און וואויל, עס קומט אים נישט קיין ארימקייט, ער איז ארים נאר פאר דיינעט וועגן. ווען א מענטש פארשטייט דאס, דאן געבט ער צדקה אויף א ריכטיגע אופן.

**אויף** דעם בעט מען זיך ביים אייבערשטן, ׳באשעפער דו האסט דאך אונז אנגעזאגט ׳הזהרו בעניים שאינם מהוגנים׳, מיר זאלן אכטונג געבן פון נישט קיין ריכטיגע צדקה. דערפאר העלף מיך, איך זאל נישט דורכפאלן צו טראכטן אז דער ארימאן איז נישט אזוי ערליך און דאס ארימקייט קומט אים צוליב זיינע חטאים. נאר איך זאל זוכה זיין צו מקיים זיין מצוות צדקה בהידור, צו געבן פאר א ׳עני הגון׳, דאס הייסט ׳מיט ריינע מחשבות׳, צו דערהערן בשעת׳ן געבן צדקה אז דער עני איז חשוב׳ער פון מיר, און נאר פון גרויס צדקות האט זיין נשמה מסכים געווען צו אראפקומען אלס עני, נאר כדי מיך א טובה צו טון און ראטעווען מיין נשמה, דורך דעם וואס איך וועל אים שפייזן.

## א ארימאן אין רוחניות ראטעוועט דעם עושר ברוחניות דורך דעם וואס ער וועט געבן צדקה און לערנען תורה מיט אים

### ימי הרחמים והרצון - מיט צדקה

**שטייענדיג** אין שבת ר״ח אלול אין די זיבן וואכן פון נחמה, יעדער איינער וויל זיך טרייסטן און לעבן מיטן בית המקדש, זיך צוצוגרייטן צו קעניגן דעם אייבערשטן אום ראש השנה, זיך צוגרייטן צו תשובה פון יום כיפור - וואס היינט הייבט זיך אן די 40 טעג פון רחמים ורצון. אידישע קינדער זענען עוסק אין די מצוה פון צדקה, אזוי ווי עס שטייט אין די פסוקים פון נחמה (ישעיה לב יז) ״וְהָיָה מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה שָׁלוֹם וַעֲבֹדַת הַצְּדָקָה הַשְׁקֵט וָבֶטַח עַד עוֹלָם״, דורך צדקה וועט זיין די יחוד השלם. אויך לערנען חז״ל פון דעם פסוק (ב״ב ט.) ׳גדול המעשה יותר מן העושה׳ - עס איז גרעסער דער וואס איז מזכה יענעם מיט צדקה, ווי דער וואס געבט צדקה.

---

[1] ב״ק (טז:) מאי דכתיב (ירמיהו יח כג) יהיו מוכשלים לפניך בעת אפך עשה בהם, אמר ירמיה לפני הקדוש ברוך הוא רבונו של עולם אפילו בשעה שעושין צדקה הכשילם בבני אדם שאינן מהוגנים כדי שלא יקבלו עליהן שכר.

**ארימאן מיט גביר אין רוחניות**

**אוודאי** איז פשוט פשט אין פסוק פון ארימלייט און עשירים בגשמיות, און מ׳בעט טאקע פון אייבערשטן אז עס זאל נאר זיין גוט פאר אידן, אבער אוודאי און אוודאי מיינט מען אויך די רוחניות׳דיגע לעבן. ווייל אויך אין די רוחניות׳דיגע וועלט זענען פאראן עשירים, תלמידי חכמים וואס הארעווען אין לערנען בייטאג און ביינאכט, אנגעפילט מיט ש״ס און פוסקים, הלכה מיט אגדה, מוסר און חסידות, אפי׳ אויב מ׳איז נישט גאר רייך אין תורה, איז מען לפחות דורכשניטליך אוועקגעשטעלט, מ׳קען לערנען, מ׳קען אביסל תורה, מ׳לערנט יעדן טאג שיעורים כסדרן, מ׳גייט נישט שלאפן הונגעריג פון תורה. אבער עס איז פאראן נעבעך מענטש וואס זענען ארים און ליידיג, עניים ואביונים אין תורה אין מצוות און אין מעשים טובים.

**ער איז ארים אין תורה צוליב דיר, דיך צו העלפן**

**קומט** דער תורה און זאגט ׳כי יהיה בך אביון׳ איז מסביר דער אור החיים הקדוש ״בסיבתך בא לו העני הגדול הזה״, צוליב דיר איז דעיע מענטש ארים, אלעס נאר דיך צו ראטעווען. קוק נישט אראפ אויף אים פון אויבן אראפ, דו טראכסט ׳איך בין רייך אין תורה און תפילה, איך בין ברוך השם נישט אזוי ווי דיר, ׳ברוך אלקינו שהבדילנו מן הטועים׳. טראכט נישט אזוי, נאר פארשטיי פונקט פארקערט, דער אייבערשטער האט אים געמאכט אן ארימאן ליידיג פון תורה, כדי דו זאלסט אים קענען געבן צדקה, ווען דו וועסט לערנען מיט אים אביסל, אויפשיינען זיין הארץ מיט א לעכטיגקייט פון תורה, דאן וועסטו געראטעוועט ווערן פון גיהנם, מיט דעם זכות פון צדקה פון לערנען מיט אים אביסל חומש, משניות, גמרא, הלכה, מוסר און חסידות. פארשטיי אז דער אייבערשטער האט דיר געגעבן אן אומזיסטע מתנה, אז דו קענסט לערנען נישט ווייל דו ביסט חשוב, נישט ווייל דו האסט זכותים, נאר ווייל דו האסט פון וואס מורא צו האבן, האט דיר דער אייבערשטער געגעבן עפעס וואס מיט דעם וועסטו קענען מאכן צדקה מיטן צווייט׳ן.

**די שוועריגקייט דאס צו פארשטיין אין רוחניות**

**דאס** איז אזוי שווער צו פארשטיין אין רוחניות, ווייל אין גשמיות קען נאך א מענטש דערהערן אז דער ארימאן איז דער צדיק וואס ראטעוועט דעם עושר, אזוי ווי דער אוהח״ק זאגט ״ואין הוחכה מהעוני היותו שפל אחים״ - זיין ארימקייט איז נישט קיין באווייז אז ער איז וויינציגער חשוב. עס איז פאראן אסאך מעשיות פון גרויסע צדיקים וואס זענען געווען זייער ארים, און עשרירים וואס זענען געווען רשעים.

**אבער** צו קומען זאגן אז דער ארימאן אין רוחניות, דער וואס איז ליידיג פון תורה און מצוות, ער איז דער וואס ראטעוועט דעם תלמיד חכם פון גיהנם, ער איז דער וואס האט אויבן אין הימל זיך אונטערגענומען מיט מסירת נפש צו טראגן די פיין און ווייטאג פון א עם הארץ,

דער עיקר צו העלפן די אנדערע נשמות אז זיי זאלן האבן עפעס א זכות דורכדעם וואס זיי וועלן "רחמנות" האבן אויף אים, און לערנען מיט אים אביסעלע תורה - דאס קען שוין א מענטש נישט דערהייבן.

### לערן מיט אים, פאר דיינעט-וועגן

**אבער** ווען מ'שטייט אין שבת ראש חודש אלול, וויל מען דאך אוודאי תשובה טון, עס וועקט זיך אויף דער כח פון רחמים וסליחות, איז דאך די צייט מסוגל צו פארשטיין א פנימיות'דיגע לעכטיגע הסתכלות. א מענטש זאל פארשטיין אויף דעם ארימאן ברוחניות אז ער איז נישט ווייניגער חשוב 'מאחד אחיך - מהמיוחדים שבאחיך', דו ביסט נישט חשוב'ער פון אים, ער איז אן עם הארץ נאר וועגן דיר, דאס וואס דו האסט תורה, איז נאר כדי זיך צו ראטעווען ווען דו וועסט לערנען מיט אים. אויב אזוי לערן אביסל מיט אים, מאך לעכטיג זיין אויגן מיט די שיין פון תורה, לעב אים אויף מיט די זיסקייט פון תורה, כדי 'דו' זאלסט געראטעוועט ווערן פון גיהנם, פארשטיי אז "יותר ממה שבעה"ב עושה עם העני, העני עושה עם בעה"ב" ער מאכט מיט דיר א גרעסערע טובה, ווי דו מאכסט מיט אים.

### נישט טרעטן אויף קיין קעפ

**דערפאר** דארף מען זען צו פארשפרייטן וואס מער תורה, נישט האלטן גארנישט פאר זיך, נאר אויפזוכן עפעס אן ארימאן, איינער וואס איז הונגעריג נאך אביסל תורה, און אים זעטיגן די נשמה. אבער פארשטייט זיך אז מ'דארף זייער שטארק אכטונג געבן, נישט צו געבן א געפיל פון טרעטן אויף יענעם, חז"ל (מגילה כח:) ווארענען אן מ'זאל נישט זיין קיין 'פוסע על ראשי עם קודש' - עס זאל נישט אויסקוקן ווי מ'טרעט אויף די קעפ פון מענטשן. אויב דארף מען אזוי שטארק אכטונג געבן עס זאל נישט אויסקוקן ווי מ'טרעט אויף קעפ, אוודאי און אוודאי דארף מען אסאך מער אכטונג געבן נישט צו טרעטן ממש אויף הערצער פון אנדערע מענטשן, נישט צו געבן קיין געפיל פאר קיינעם אז ער איז נישט ווערד.

### לעובדא ולמעשה

**יעדער** איינער האט א פלאץ וואו ער קען עפעס אויפטון פאר אידישקייט, אדער אין דער פלאץ אוואו ער ארבעט, אדער וואו ער וואוינט, אדער אין בית המדרש, צו ווארפן עפעס א גוט ווארט פון התחזקות און יראת שמים פאר א צווייטן. כלל ישראל איז געבענטשט געווארן אינעם היינטיגן דור מיט א געוואלדיגע עשירות פון ספרים מיט קונטרסים, קובצים מיט גליונות, עלונים מיט הערליכע פערל רייד, אנגעפילט מיט אלעס גוטס, עס איז נישט געווען אזוינס קיינמאל, בפרט ווען ס'קומט די הייליגע טעג ווערט מען ממש פארפלייצט פון הייליגע גוטע ווערטער, צוגעשטימט פאר יעדע סארט מענטשן, ממש א מחי', יעדער האט עפעס א גוט ווארט וואס ער קען איבערזאגן פאר א צווייטן מיט א געשמאק און א שפלות, 'דרכיה דרכי נועם', אויף א בא'טעם'טע וועג, אן טרעטן אויף יענעם, נאר פון אויבן אויף

אריינוואַרפן עפּעס אַ גוט וואָרט און אויפּשיינען זיין האַרץ. דאַן וועסטו מקיים זיין די מצוה פון צדקה, דאָס וועט זיין די פּאַסיג׳סטע הכנה צום ראש השנה.

### די שוועריקייט פונעם עושר ברוחניות דאָס צו פאַרשטיין

**מ׳בעט** זיך ביים אייבערשטן אַז מיר זאָלן דאָס קענען פאַרשטיין, ווייל - ווי אויבן דערמאָנט -איז אַזוי שווער דאָס צו פאַרשטיין ווען עס קומט צו רוחניות, ווייל ביי גשמיות קענען מיר זיך נאָך פאַרשטעלן אַ אָרימאַן אַ צדיק אַנטקעגן אַ עושר אַ פּאַרקערטע, אָבער ווען מ׳רעדט פון אַ עושר ברוחניות וואָס טונקט זיך אין די אמת׳ע גוט׳ס, אין תורה און מצוות ומעשים טובים, איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין דעם אור החיים הקדוש, ווי קען מען זאָגן אַז דער עם הארץ איז דער צדיק וואָס קומט ראַטעווען דעם תלמיד חכם.

### די שוועריקייט פונעם עושר בגשמיות דאָס צו פאַרשטיין

**אָבער** באמת, אויב וועט מען פרעגן דעם עושר בגשמיות, וועט מען זען אַז אויך ער מוטשעט זיך זייער שטאַרק צו פאַרשטיין דעם אור החיים הקדוש אויף זיך אַליין, ווייל פון גרויס עשירות איז ער זיכער ווי דעם טאָג און ער האָט קלאָרע באַווייזן אַז ער איז פּאַסיג צו דעם רייכטום, פון גרויס געטריישאַפט און ערליכקייט וואָס ער האָט פאַרן אייבערשטן, ער האָט דאָך אַזויפיל זכותים, ער איז דאָך דער ערשטע אַריינצושפּרינגען אין יעדן הייליגן פּראָיעקט ׳ראש וראשון לכל דבר שבקדושה׳, ער איז דער וואָס ווייזט זיין געוואַלדיגע רחמנות און גוט׳סקייט מיט גיסן געלט אויף אָרימלייט אָן קיין חשבונות. נישט נאָר דאָס, נאָר ער זעט דאָך ווי רבנים זענען אים מכבד, זיי זענען מקיים דעם ׳רבי מכבר עשירים׳. און אויב קען ער נאָך אויך לערנען, ער האָט גוטע כשרונות אין תורה, איז דאָך ממש געוואַלדיג שב׳געוואַלדיג, ׳תורה וגדולה במקום אחד׳, עס איז דאָך נישט דאָ מער אַ פּאַסיגע מענטש ווי אים וואָס קומט אים אַלעס גוטס. וויפיל מאָל דאַרף זיך דער וועלט איבערקערן כדי ער זאָל פאַרשטיין און דערהערן מיט אַן אמת, אַז דער אוה״ח הקדוש מיינט אים אַליין, אַז זיין גאַנצע רייכטום איז נישט מער ווי אַ רעטונגס ברעטל אים צו ראַטעווען פון גיהנם, דורך דעם אָרימאַן דעם צדיק.

### דער עושר ברוחניות לערנט פונעם עושר בגשמיות

**אויב** וועסטו גוט אַריינקלערן און אַריינגיין אינעם קליין קאָפּ פונעם עושר, וועסטו זען ווי שווער עס איז פאַר אים צו פאַרשטיין דעם אוה״ח הק׳ נאָך די אַלע קלאָרע באַווייזן וואָס ער האָט פון די גרויסע נחת רוח וואָס די אייבערשטער האָט פון אים. דעמאָלטס וועסטו פאַרשטיין אַז עס איז נישט אַזוי שווער פאַר דעם עושר ברוחניות - דער תלמיד חכם און עובד השם - צו פאַרשטיין אַז דער אייבערשטער האָט אים געגעבן אַ מתנת חינם וואָס איז נישט לויט זיינע זכותים, אַלעס כדי ער זאָל לערנען פאַר אַנדערע, און אַזוי זיך צו ראַטעווען. ווען מ׳קלערט אַריין אינעם שוועריגקייט וואָס דער עושר בגשמיות האָט דאָס צו פאַרשטיין, ווייל

ער איז אזוי פארגלייזט און ער קען נישט טראכטן גראד, צוליב די געלט וואס פארבלענדעט די אויגן. דאן לערנט זיך לפחות דעם עושר ברוחניות פון אים, צו פארשטיין אז די רייכטום איז נישט זיינס, נאר עס איז דא כדי ער זאל טיילן פאר אנדערע.

## צדקה שלא לשמה

**אויב** וועט דער מענטש אנהייבן פרעגן, ווי אזוי קען איך גיין אין פארשפרייטן די זיסקייט פון תורה פאר אנדערע אידן, עס איז דאך אויסגעמישט אין דעם 'שלא לשמה'. דאן וועט מען אים ווייזן וואס דער הייליגער בעל שם טוב זאגט אז צדקה מעג מען לכתחילה געבן שלא לשמה[2], דער עיקר איז אז דער ארימאן זאל האבן וואס צו עסן. דאס זעלבע איז ווען עס קומט צו געבן צדקה ברוחניות, מעג מען לכתחילה געבן שלא לשמה, דער עיקר איז אז מענטשן זאלן נישט אויסגיין פון הונגער נאך אביסל לעכטיגקייט פון תורה. בפרט יעצט בעקבתא דמשיחא, וואס דער נביא האט שוין געזאגט (עמוס ח יא) אז מ'וועט הונגערן און דארשטן צו הערן עפעס א אידיש ווארט - "הנה ימים באים נאם הוי'ה, והשלחתי רעב בארץ לא רעב ללחם ולא צמא למים, כי אם לשמוע את דבר הוי'ה", איז דאך אוודאי נישט דער צייט צו טראכטן איבריגע חשבונות. און אפי' ער ווייסט אז ווען ער לערנט מיט א צווייטן מאכט ער א טובה פאר זיך מער ווי פאר יענעם, דארף ער זיך נאך אלס נישט זיך אפשטעלן אויס מורא אז ס'איז שלא לשמה, ווייל דער ארימאן דער עם הארץ הונגערט נאך, מ'דארף אים שפייזן אן קיין חשבונות, דערנאך וועט מען זוכה זיין אז 'מתוך שלא לשמה בא לשמה'.

*****

**אידישע** קינדער בעטן זיך ביים אייבערשטן דורך דעם וואס מיר האבן געליינט די פרשה פון 'ראה', אז עס זאל זיך עפענען אונזערע אויגן צו דערהערן אלעס וואס מ'האט גערעדט, אבער - רבונו של עולם - כדי דאס צו פארשטיין דארף מען דאך 'אורו של משיח'! שיין אויף אונזערע אויגן מיט די ליכטיגקייט פון משיח, וואס ער מאכט לעכטיג די גאנצע וועלט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית א ב-ג) "וחושך על פני תהום ורוח אלהים מרחפת על פני המים. ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור", און חז"ל זאגן אונז (בר"ר ב ד) אז 'רוח אלהים' מיינט מען 'משיח'.

**אידישע** קינדער בעטן זיך ביים אייבערשטן, 'ויהי נא אמרינו לרצון', געב אונז אביסלע נחמה און אורו של משיח, זיך צוצוגרייטן ווי עס דארף צו זיין צו די הייליגע טעג, צו מקבל זיין עול מלכות שמים, דיר צו קעניגן ברצון, 'ותמלוך אתה הוי'ה אלהינו מהרה לבדך', 'ונשגב הוי'ה לבדו ביום ההוא'. מ'בעט זיך פאר א דריטע בית המקדש, פאר א גאולה שלימה, 'ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים', במהרה בימינו אמן.

---

[2] בעש"ט עה"ת (פ' ראה אות יב). שמעתי אומרים מאיש אלוהיי מו"ה ישראל בעל שם טוב נ"ע, דכל המצוות שאדם עושה עם פניות, מוטב היה שלא לעשותו כלל, אבל צדקה, אף שאינה מהמובחר כעושה לשמה, מכל מקום עושה מצוה שמחיה נפש האביון (תורי זהב פ' ראה).